# עס איז יעצט פארהאן אן אויסבראך פון די

# מוזלען (מיזעלס)



**מוזלען איז זייער אן אנשטעקיגע קרענק וואס ווערט געשאפן דורך א ווירוס. עס קען זיין מסוכן, ספעציעל פאר בעיביס און קליינע קינדער. באשיצט אייער פאמיליע און אייער קאמיוניטי.**

**מוזלען פארשפרייטן זיך דורך דער לופט ווען א קראנקער מענטש הוסט אדער ניסט.** דער ווירוס קען בלייבן אין דער לופט צוויי שעה נאכדעם וואס א מענטש מיט מוזלען פארלאזט דאס ארט. עס איז אזוי שטארק אנשטעקיג אז בערך 9 פון 10 מענטשן וואס קומען נאענט צו א מענטש מיט מוזלען און זענען נישט באשיצט מיט וואקסינען וועלן אויך ווערן אינפעקטירט.

## מוזלען סימפטאמען באווייזן זיך 7 ביז 14 טעג נאכן קאנטאקט מיטן ווירוס. געוויינטליכע סימפטאמען פאר מוזלען רעכענען אריין:



- **הויכע היץ** (קען שפרינגען צו מער ווי 104 גראד פארענהייט)
- **הוסטן**
- **רינענדיגע נאז**
- **רויטע און/ אדער וואסערדיגע אויגן**
- **אויסשלאג** (ברעכט אויס 3-5 טעג נאכדעם וואס די סימפטאמען הייבן זיך אן)

## מוזלען קען גורם זיין צו האבן שווערע געזונט פראבלעמען, ווי אויך:



- **לונגען ערצינדונג**
- **געשווילעכץ אויפן מוח** (ענסיפילייטעס)
- **מעגליך אפילו טויט**



## דער בעסטער וועג זיך צו באשיצן אנקעגן די מוזלען...

איז מיט די מוזלען, מומס, און רובעלא (MMR) וואקסין. ס'איז קיינמאל נישט צו שפעט צו ווערן וואקסינירט. וואקסינאציע העלפט אייך ווערן באשיצט, די מענטשן ארום אייך, און אייער קאמיוניטי. אויב איר זענט נישט וואקסינירט, טראכט פון בלייבן אינדערהיים אדער אוועק פון אנגעפאקטע ערטער ביז די מוזלען קעיסעס אין אייער געגנט ווערט פארמינערט, ספעציעל צו באשיצן מענטשן אין אייער פאמיליע וואס קענען ווערן זייער קראנק.

**אויב איר מיינט אז איר אדער איינער פון אייער משפחה האט די מוזלען, דערוויטערט אייך פון אנדערע און רופט א העלטקעיר פראוויידער, אורדזשענט קעיר, אדער עמערדזשענסי רום.**